# תשורה

משמחת הנישואין

של

משה פינחס הכהן וחי' מושקא שיחיו

כ"ץ

יום שלישי שהוכפל בו כי טוב, י"א אדר א' ה'תשע"א

בס"ד.

# פתח דבר

אנו מודים להשי"ת על כל הטוב אשר גמלנו, ובחסדו הגדול זיכנו בנישואי צאצאינו החתן התמים הרב מ' **משה פינחס הכהן** שי' עב"ג הכלה מרת **חי' מושקא** תחי'.

התודה והברכה מובעת בזה לבני משפחותינו, ידידנו ומכירינו שבאו מקרוב ומרחוק להשתתף בשמחתנו ולברך את צאצאינו שיחיו בברכת מזל טוב וחיים מאושרים בגשמיות וברוחניות.

בתור הבעת תודה לבבית והוקרה לכל הנוטלים חלק בשמחתנו, מוגשת בזה תשורה מיוחדת – מיוסד על הנהגתו של כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ שחילק 'תשורה' בחתונת כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו – הכוללת: (א) ב' תמונות מכ"ק אדמו"ר נשיא דורנו בהם רואים ג"כ את החתן ואביו שי'. (ב) הגהות כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו על חלק משיחות י"ב תמוז וש"פ בלק ה'תש"ל, הבאים כאן **בפרסום ראשון**. (ג) צילום גלוי' שנשלחה בכתי"ק אדמו"ר נשיא דורנו להרה"ח הרה"ת ר' **משה פינחס הכהן כ"ץ** ע"ה, סבו של -יבדלח"ט- החתן. (ד) קיצור מתקופת נישואי הני תלתא גיסי: הרה"ת ר' אברהם זושא זיסקינד הרה"ת ר' מרדכי מענטליק והרה"ת ר' משה פינחס הכהן כ"ץ עליהם השלום – נעתק מהספר "**תולדות חב"ד בפולין, ליטא ולטביא**" הנמצא בדפוס – בעריכתו של הספרן הראשי בספריית אגודת חסידי חב"ד הרה"ת הרה"ג ר' שלום דובער שי' לוין, ותודתינו נתונה לו בזה. (ה) צילום מכתב כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו להורי הכלה לרגל נישואיהם.

הא-ל הטוב הוא ית' יברך את כבודו ואת אנשי ביתו יחיו בתוך כלל אחב"י בברכות מאליפות מנפש ועד בשר, ובמיוחד בברכה העיקרית שנזכה ללכת משמחה זו לשמחה העיקרית "שמחת עולם על ראשם" בקיום היעוד "מהרה ה"א ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים, קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה" וכו' בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו תיכף ומיד ממש.

מוקיריהם ומכבדיהם

**משפחות כ"ץ ושוחאט**

*יום שלישי שהוכפל בו כי טוב, י"א אדר א' ה'תשע"א*
*ברוקלין, ניו יארק.*

# באור פני מלך חיים

להלן ב׳ תמונות מכ״ק אדמו״ר נשיא דורנו שבהם רואים את החתן הרה״ת **משה פינחס הכהן** שי׳ עובר עם אביו הרה״ח ר׳ **זאב יחזקאל הכהן** שי׳ אצל כ״ק אדמו״ר. התמונה הראשונה מי״ב תמוז ה׳תש״נ, בעת חלוקת ״קונטרס חג הגאולה יב-יג תמוז תרפ״ח״. והשני׳ בעת חלוקת ״לעקאח״.





# עלי ההגהה

**א.** בשנת תש"כ (שנת המאתיים להסתלקות הבעש"ט נ"ע) התחיל הרב יוסף שי' וויינבערג למסור שיעור בכל מוצש"ק על הראדיא, השיעור הי' בתניא. האחראים על השיעור היו חברי "ועד להפצת חסידות": הרה"ח ר' משה פינחס הכהן ע"ה כ"ץ (סבו של החתן) והרה"ח ר' מנחם מענדל ע"ה טענענבוים, ויבדלח"ט – הרה"ח ר' יוסף הלוי שי' וויינבערג.

לאחרי הסתלקות הרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה, אמו של כ"ק אדמו"ר בשבת שובה, וא"ו תשרי ה'תשכ"ה, הועלתה הצעה שבסוף השיעור יוסיפו רבע שעה, בה יחזרו משיחות כ"ק אדמו"ר, ורבינו אישר את ההצעה בשמחה, ואף השתתף במחצית ההוצאות, ובלשונו הק': "**פלגא עלי**", ואף הגיה כמה משיחות אלו עבור השידורים.

מאחר ובקיץ רוב השומעים היו ב'קאנטרי', לא הי' מתקיים שיעור תניא במוצש"ק. בשנת תשכ"ח-תשכ"ט הציע הרה"ח ר' משה פינחס הכהן ע"ה כ"ץ שבשבועות הקיץ ישדרו בכל ליל ששי בתחנת הראדיא בהרי הקאטסקילס בניו יארק (wvos) ויחזרו משיחות כ"ק אדמו"ר.

אב החתן הרה"ח ר' זאב יחזקאל הכהן שי' ואביו הרה"ח ר' משה פינחס הכהן ע"ה ערכו בכל מוצש"ק דשבתות הקיץ הנחה קצרה מהתוועדות השבת (שכללה חלק מההתוועדות), וברוב הפעמים חזר הרמ"פ את השיחה בראדיא (ולפעמים, כשלא הי' יכול, הי' חוזר בנו הרז"י).

הנחות אלו זכו להיות מוגהות (בשעתם) ע"י כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו, ולפעמים הואיל להוסיף עליהם ציונים, הערות ומ"מ וכו'.

כמה משיחות אלו הופיעו בשנים אח"כ, במהדורא בתרא (בארוכה ובפרטיות יותר עם הערות ומ"מ וכו') בסדרת הלקו"ש השבועי.

**ב.** השיחה דלקמן היא שילוב חלק מהתוועדות י"ב תמוז ה'תש"ל והמשכה בש"פ בלק. בשנת תשל"ג נערך קטע מהתוועדות ש"פ בלק (הביאור בפרש"י) מחדש ובתוספת ביאורים, וי"ל בליקוט לש"פ בלק (ואח"כ הודפס

בלקו"ש חי"ג ע' 78 ואילך). ההתוועדויות בשלימותן (בלתי מוגה) הודפסו בשיחות-קודש תש"ל ח"ב ע' 364 ואילך (י"ב תמוז), ע' 405 ואילך (ש"פ בלק).

בתחילה הובאו צילום עלי ההגהה, ואח"כ הובאה הנחה זו כשההגהות באות מודגשת, ובשוה"ג נוספו ע"י המו"ל: מ"מ, ציונים והערות, וקטעים מההנחות הבלתי-מוגהות.

מאחר וחסר עמוד ה' מעלי ההגהה - הושלם החסר ע"פ ההנחה הבלתי מוגהת (בהערה בשוה"ג).

**וזאת למודעי!** שיחה זו נרשמה מלכתחילה **אך ורק** בכדי למסור אותה **בעל-פה** על הראדיא, ולכן סגנון השיחה היא בהתאם לאופן חזרתה בע"פ, ולא בסגנון שמופיע בד"כ בדפוס.

בס"ד

אין די פארברייינגענס פון דעם חג הגאולה י"ב - י"ג תמוז, דער באפרייאונגס טאג פון פריערדיקן ליובאוויטשער רבי'ן נ"ע (ווי שוין דערציילט וועגן דעם מיט מערער איינצעלהייטן אין אונזער פריערדיקן בראדקעסט) און שבת פרשת בלק וואס איז געווען בהמשך צו דעם פארברייינגען פון י"ב תמוז האט דער רבי דער ליובאוויטשער רבי זאל געזונט זיין מבאר געווען באריכות אין א טיפען ביאור דעם פסוק מה טבו אהליך יעקב משכנותיך ישראל. (במדבר כד,ה),

דער פסוק איז דאך איינע פון די פסוקים פון נבואת בלעם.[1] הגם מיר געפינען אז דער רש"ל האט נישט געוואלט זאגען דעם פסוק, טאקע דערפאר וואס בלעם האט דאס געזאגט, געפינט מען אבער אין סידור רב עמרם גאון און אין סידור האריז"ל און אין סידור הבעש"ט, אז מ'זאל דאס יא זאגען בהתחלת התפלה יעדען אינדערפרי.

און עס איז רעכט אז אויב דער מהרש"ל וואלט געוואוסט אז עס שטייט אזוי אין סידור רב עמרם גאון (וואס ער הייסט זאגען דעם פסוק פאר'ן אריינגיין אין שוהל) וואלט ער זיך זיכער אזוי אויך געפירט, קאנטיג אבער אז ער האט דעם סידור נישט געזען. ווי מ'געפינט אזוי בא כמה וכמה ענינים אז צוליב דעם וואס מ'געפינט ראשונים וואס פריער האט מען זיי נישט געהאט טוט דאס אויף א ענדערונג אין דינים.

און מערער, די גמרא זאגט אז די חכמים האבען געוואלט קובע זיין מ'זאל זאגען אלע טאג צוזאמען מיט קריאת שמע אויך פרשת בלק, נאר צוליב טרחא דציבורא האט מען עס נישט געטאן. ווען נישט אבער די סיבה איז דאס ראוי זאגען צוויי מאל א טאג פונקט ווי שמע ישראל, וואס די פסוקים זיינען מבאר שבחן של ישראל ביז אין א אופן נצחי.

דער רבי זאל געזונט זיין האט אין דעם שבת'דיקען פארברייינגען מבאר געווען אויף זייער אייגענארטיגען אופן דעם פירוש רש"י אויף דעם פסוק.

רש"י שטעלט זיך אויף די ווערטער "מה טבו אהליך" און איז מפרש "על שראה פתחיהן שאינן מכוונין זה מול זה", ווייל'ע בלעם האט געזען ווי די אידישע הייזער זיינען געבויט אז די טיהרען זיינען נישט איינע אנקעגען די אנדערע, מ'זאל נישט קענען אריינקוקען איינער צום צווייטען. וואס דאס ווייזט אויף די צניעות און באשיידענקייט וואס האט געהערשט בא אידען, וואס דערפאר איז זיי בלעם משבח.

נאך דעם איז רש"י מפרש "משכנתיך - חניותיך בתרגומו. אז "משכנתיך" מיינט דאס דעם אופן ווי די אידען האבען גערוט, ווי דער תרגום טייטשט.

1) ווי עס איז איינגעשטעלט געווארען זאגט מען דעם פסוק בהתחלת התפלה, אדער ווי אנדערע פירען זיך אריינגייענדיק אין שוהל.

- ב -

דער פירוש אין רש"י קומט בהמשך צו דעם וואס רש"י טייטשט אפ פריער (כד,ב) אז בלעם האט געזען ווי יעדער שבט רוהט פאר זיך, און זיינען נישט אויסגעמישט, אויך האט ער געזען ווי די אידישע הייזער זיינען געבויט מ׳זאל נישט קענען ארייניקוקען איינער צום צווייטען, האט דאס איהם באווירקט ער זאל זאגען "מה טבו אהליך יעקב משכנותיך ישראל".

נאך דעם ברייננגט רש"י נאך א פירוש, "דבר אחר מה טבו אהליך, מה טבו אהל שילה ובית עולמים בישובן שמקריבין בהם קרבנות לכפר עליכם", אז "מה טבו אלהיך" באציט זיך דאס אויף דעם משכן שילה און דער בית המקדש וואס דארט האט מען מקריב געווען קרבנות וועלכע האבען מכפר געווען אויף די עבירות פון אידען.

"משכנתיך – אף כשהן חרבין, לפי שהם משכון עליכם וחרבנן כפרה על הנפשות שנאמר כלה ה׳ את חמתו ובמה כלה ויצת אש בציון". "משכנתיך"– מיינט אז אויך בשעת ~~דער משכן שילה און דער~~ די בית המקדש זיינען חרוב געווארען, איז זייער חורבן א כפרה אויף די לעבענס פון אידען, ווארום דער אויבערשטער האט דאס צוגענומען בא אידען אלס א משכון, און רש"י ברייננגט אויף דעם א ראי׳ פון א פסוק "כלה ה׳ את חמתו", אז דער אויבערשטער האט אויסגעלזאט זיין צארען, צו ווען? דערמיט וואס ויצת אש בציון, ער האט אנגעצונדען א פייער אין ציון (און חרוב געמאכט דעם ביהמ"ק).

אין דעם פירוש רש"י זיינען פאראן עטליכע זאכען וועלכע זיינען נישט פארשטאנדיק.

ערשטענס דארף מען פארשטיין פארוואס דארף רש"י ברייננגען צוויי פירושים, עניננו של רש"י איז דאך אויסטייטשען דעם ~~פירוש פון~~ פסוק לויט פשוטו של מקרא און נישט ברייננגען דרשות רז"ל און דעסגלייכען, (סיידען ווען עס איז נוגע צום פשט הכתוב) מוז מען זאגען אז צוליב א שוועריקייט וואס עס איז פאראן אין דעם ערשטען פירוש–מוז רש"י אנקומען אויך צום צווייטען פירוש. רש"י קען אבער נישט לערנען נאר לויט דעם צווייטען פירוש ווארום אין איהם איז אויך פאראן שוועריקייטען, דעריבער מוז רש"י ברייננגען צוויי פירושים, פון וועלכע דער ערשטער פירוש ~~בלייבט~~ דער עיקר.

~~דארף מען געפינען~~ די שוועריקייטן אין דעם ערשטען פירוש, און ווי אזוי מיט דעם צווייטען פירוש ווערט עס פארענטפערט, און פארוואס דער ערשטער טייטש מוז אבער בלייבען דער פירוש עיקרי, ~~און ווי מ׳ וועט דאס ווייטער ערקלערן.~~

אויך איז נישט פארשטאנדיק אין דעם צווייטען פירוש פון רש"י אז "מה טבו אהליך" גייט דאס אויף משכן שילה און בית עולמים, פארוואס דערמאנט נישט רש"י אויך דעם משכן וואס איז געווען דאן בשעת מעשה בא די אידען אין מדבר? בשעת רש"י וויל זאגען די מעלה פון משכן שילה און בית המקדש זאגט

- ג -

רש"י אז מ׳האט דארט מקריב געווען קרבנות וועלכע האבען מכפר געווען אויף די עבירות פון אידען. אייגענטליך איז דאך נישט דאס געווען דער עיקר ענין פון משכן און בית המקדש, דער עיקר ענין זייערער איז דאך געווען ווי עס שטייט בפירוש אין פסוק "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", אז דארט זאל רוען ג-טליכקייט, און דא זאגט רש"י אז די מעלה פון משכן שילה און בית עולמים איז "שמקריבין בהם קרבנות לכפר עליכם"?

דאס וואס רש"י טייטשט לויט דעם פירוש "משכנותיך" אז דער אויבערשטער האט צוגענומען דעם ביהמ"ק בא אידען אלס משכון פאר די עבירות פון אידען, זאגט דאס רש"י איינמאל אין פרשת פקודי (לח,כא). דארט ברייננגט אבער רש"י נישט קיין ראי׳ פון א פסוק אויף דעם אזוי ווי רש"י טוט דא אין פרשת בלק.

ולכאורה אויב אז מ׳דארף אנקומען צו א ראי׳ פון א פסוק בכדי בעסער צו פארשטיין דעם פירוש-וואלט דאס רש"י געדארפט טאן דעם ערשטן מאל וואס ער ברייננגט דעם פירוש, און נישט ווארטען ביז ער איז דאס מפרש א צווייטען מאל, און דא זעט מען אז רש"י טוט פונקט פארקערט, דעם ערשטען מאל (אין פרשת פקודי) ברייננגט ער נישט קיין ראי׳ פון א פסוק, נאר דוקא דעם צווייטען מאל מוז רש"י אנקומען צו א ראי׳ פון א פסוק?

אין רש"י איז דאך יעדער ווארט מדויק, דארף מען פארשטיין פארוואס בשעת רש"י טייטשט אפ "מה טבו" אז דאס גייט אויף משכן שילה און בית עולמים זאגט ער "שמקריבין בהם קרבנות לכפר עליכם", בשעת אבער רש"י איז מפרש "משכנתיך" אז דאס גייט אויף דעם ביהמ"ק לאחר חורבנו זאגט ער "וחרבנן כפרה על הנפשות", וואס איז דא רש"י אויסען מיט דעם צולייגען אז די כפרה איז "על הנפשות"?

* * *

ענינו של רש"י איז דאך צום אלעם ערשטען מפרש זיין דעם פסוק לויט פשוטו של מקרא, עס זאל זיין פארשטאנדיק צו א בן חמש למקרא, נאך דעם וואס מ׳איז מבאר די רש"י לויט פשוטו של מקרא, קען מען געפינען ווי אין רש"י זיינען פאראן א פולע דיוקים אין הלכה און אגדה און אויך יינה של תורה - פנימיות התורה.

ווי אויבען דערמאנט קומט דער פסוק פון מה טבו אהליך יעקב בהמשך צו וירא את ישראל שכן לשבטיו, און ווי רש"י איז דארט מפרש אז ער האט געזען צוויי מעלות בא אידען, ערשטענס אז בשעת זיי רוען רוהט יעדער שבט באזונער, און אויך ווי די הייזער זיינען געבויט אז מ׳קען נישט ארייננקוקען איינער צום צווייטען.

דער מקור אויף די ביידע ענינים נעמט רש"י דערפון וואס דער פסוק זאגט "לשבטיו", ד.ה. אז ערשטענס האט ער געזען ביי יעדערער געפינט זיך מיט זיין שבט, דערפון אבער וואס עס שטייט "לשבטיו" (און נישט לשבטים און דאס גלייכען) לערנט רש"י אויך אפ דעם אופן ווי די הייזער זיינען געווען געבויט,

- ד -

אין אזא אופן וואס ווייזט אויף די אידישע צניעות.

וואלט דאך לויט דעם געדארפט אויסקומען אז פריער זאל ער לויבן דעם אופן ווי די אידן רוען (יעדער שבט פאר זיך) וואס דאס זעט מען גלייך, און דערנאך ווי אזוי די הייזער זיינען געווען געבויט, לפועל זעט מען אז פריער זאגט בלעם "מה טבו אהליך" "על שראה פתחיהן שאינן מכוונין זה מול זה" און דערנאך "ומשכנותיך" וואס דאס מיינט די חני', דעם אופן ווי אזוי די אידען האבען גערוט.

מצד די שאלה מוז רש"י אנקומען צו נאך א פירוש אז דאס גייט אויף דעם משכן שילה און בית עולמים בבנינם ובחורבנם.

פריער איז רש"י מפרש (כג, כח) אז בלעם האט געזאגט אז ער וועט דערמאנען די עבירות פון אידען במילא וועט ער קענען זאגען אויף די אידען וואס ער וויל, דער אויבערשטער האט דאס אבער נישט געוואלט, דעריבער האט ער געזאגט "מה טבו אהליך יעקב" אז דער אויבערשטער האט געהייסען אידען בויען דעם משכן שילה און דערנאך דעם בית המקדש אז דארט זאל מען מקריב זיין קרבנות וועלכע זאלען מכפר זיין אויף די עבירות פון אידען. ממילא האט קיין ארט נישט אז בלעם זאל דערמאנען די עבירות פון אידען, ווייל דורך מקריב זיין קרבנות אין ביהמ"ק איז דאך דער אויבערשטער מוחל אויף די עבירות,

דאס איז אבער נאר בנוגע די עבירות אויף וועלכע א קרבן איז מכפר, וואס דאס איז דאך א שוגג אויף וועלכע א חטאת איז מכפר, און אפילו א אשם וואס איז מכפר אויף א מזיד איז דאך דאס אבער נאר אזא מזיד וואס אויף איהם איז נישט פאראן קיין עונש מיתה, ~~וואס איז אבער די כפרה אויף~~ די עבירות וואס אויף זיי איז פאראן א עונש פון מיתה,

דעריבער טייטשט רש"י "משכנותיך" אז דאס מיינט ווי דער אויבערשטער האט חרוב געמאכט דעם ביהמ"ק און איהם גענומען אלץ משכון, און דאס איז מכפר "<u>על הנפשות</u>", ד.ה. אויף די עבירות וועלכע זיינען מחייב מיתה, אבער דורך דעם חורבן בהמ"ק ווערן אויך די עבירות נתכפר.

אין פסוק שטייט דאך אבער ונתתי פני באיש ההוא והכרתי אותו, אז ער וועט יא האבען א עונש מיתה, דעריבער ברייננט רש"י א ראי' פון א פסוק אז כלה ה' חמתו – ובמה כלה – ויצת אש בציון, וואס דאס איז חורבן ביהמ"ק.

דער פירוש קען אבער נישט קומען אלס דער ערשטער פירוש פון רש"י ווארום לויט פשוטו של מקרא – וואס דאס איז דאך עיקר ענינו פון רש"י – רעדט זיך ~~בא~~ נישט וועגן דעם ביהמ"ק וחורבנו, נאר מצד דעם וואס עס איז פאראן א שוועריקייט אין דעם ערשטען פירוש פון רש"י, ברייננט רש"י אויך א צווייטען פייטש, דער עיקר פירוש בלייבט אבער דער ערשטער.

[xxxxxxxxxx] (~~לכאורה~~ לא נת' בההתועדות התי' למה רש"י נקט משכן שילה, [xxxxxxxx] ולא המשכן שהי' בעת ההוא במדבר?)

פארקערט ווי די פאדערונג פון תורה, מאנט בא איהם אז ער זאל גיין אנגעטאן לויט ווי עס פאסט פאר א חתן, ואא אאא ווארום אידען ווערן אנגערופען חתן צו תורה וועלכע ווערט אנגערופען כלה, ווי ערקלערט אין מדרשי רז"ל,

און תורה מאנט באך אז די צניעות זאל זיין אין אזא אופן אז אפילו א גוי, נאך איידער ער גייט אריין אינעווייניג פון די אידישע הויז, נאר קוקענדיק פון דרויסען זאל זיין קאנטיג אז אין די הויז פירט מען זיך לויט דעם אויבערשטענס פארלאנג, און א איד א כלי אויף דעם אויבערשטענס ברכות, פונקט ווי עס איז געווען בא בלעם, אז שטייענדיק פון דערווייטענס האט ער געזען לויט ווי די אידישע הייזער זיינען געווען געבויט אז אידען פירען זיך ע"פ צניעות, און דערפאר זיינען זיי ווערט די ברכה פון אויבערשטען,

קריגט יעדער איד דעם כח דאס אויסצופירען אאאא פון דער התחלה פון אלע ד' חלקי שו"ע.

וואס די התחלה פון ד' חלקי שו"ע איז "אל יבוש מפני המלעיגים", אז א איד זאל זיך נישט שעמען און נתפעל ווערן פון די וועלכע לאכען פון איהם אפ,

אין דעם ווארט "מלעיגים" איז אבער פאראן נאך א טייטש פארקרומט, מלשון שפת עלגים, ד.ה. אז א איד זאל נישט נתפעל ווערן פאר די וועלכע פירען זיך אין קרומע וועגען.

ווארום די וועלכע פירען זיך נישט ע"פ צניעות, נישט נאר דאס איז פארקערט פון דעם וועג פון תורה, נאר דאס איז פארקערט פון דעם דרך הישר, פארקערט פון מאראל,

ווײלע בשעת מ'פירט זיך נישט צניעות, און אזא חלק פון קערפער וועלכער דארף זיין פארדעקט איז אופגעדעקט רייצט דאס אן דין יצה"ר פון א צווייטען. עס ווירקט נישט אז יענעמס שכל זאל בעסער ארבעטען, אויך נישט אז בא יענעם זאל זיך ענדערען צום גוטען דער דרך ארץ פאר זיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער, אדער אפילו פאר זיין אייגענער פרוי, אדער דאס זאל איהם באווירקען אויף געבען מערער צדקה.

די איינציגע זאך וואס ווערט אופגעטאן בשעת מ'גייט אנגעטאן נישט לויט די פאדערונגען פון צניעות, איז אז טאמער איז ביז איצטער בא דעם צווייטען געווען זיין רע באהאלטען אדער אן א שטורעם און טעמפערעמענט העלפט ער איהם דאס פאנאנדערפלאקערן,

קומט אויס אז אליין פארדינט מען דערפון גארנישט, די איינציגע זאך וואס איז שאט א צווייטען. וואס דאס איז דאך א פארקרומטער וועג, זאל דער אויבערשטער אפהיטען.

וואלט מען געגאנגען אין א גלייכע וועג וואלט מען געוואוסט אז דער צוועק און ציל פון לעבען איז אליין זיין גוט און באווירקען דעם צווייטען

גייען אין דעם ריכטיגען וועג.

און בשעת א איד ניצט אויס די כחות וואס דער אויבערשטער גיט איהם און ער ווערט נישט נתפעל פון די וועלכע גייען אין די קרומע וועג, און פירען זיך פארקערט פון דרך הצניעות, נאר פירט זיך לויט די אנווייזונגען פון שולחן ערוך, דאן איז ער א כלי אויף די ברכות פון אויבערשטען.

דער עניין פון צניעות באציט זיך נישט נאר צו xxxxxxxxx פרויען נאר מיט די זעלבע וויכטיגקייט אויך צו מאנסבילען, ווי ערקלערט אין שו"ע די איינצעלהייטען פון די דינים סיי בנוגע פרויען און סיי בנוגע מענער.

באזונדערס איז די וויכטיגקייט פון צניעות אין די זומער מאנאטען, וואס דאן געפינט מען זיך דאך אויף וואקיישען, אמת טאקע אז פון תורה און מצות האט א איד קיינמאל נישט קיין וואקיישען, זיינען אבער פאראן טייל וועלכע מאכען א טעות און מיינען וויבאלד אז מ'געפינט זיך אויף וואקיישען זיינען פאראן פארשידענע זאכען וואס אין שטאט וואלט מען עס טאקע נישט געטאן, אין קאנטרי אבער מאכט נישט אויס אז מ'וועט פארבייגען אויף א הידור מצוה און אפילו אויף א פרט פון א מצוה.

לערנט אונז תורה ווי אזוי זיך צו פירען אויך אין דעם פרט:

דער רבי דער צמח צדק איז מבאר אז דער חילוק פון א אהל און א משכן איז, אז אהל ווייזט דאס אויף א דירת עראי, א געצעלט, וואס דאס איז א ציטווייליגע וואינונג, און משכן מיינט דאס א דירת קבע,

ווען קען מען דערקענען אז מ'פירט זיך לויט דרכי ד', און מען פארווירקליכט דעם "אל יבוש מפני המלעיגים", ווי אויבען געטייטשט, בשעת מ'זעט אז "מה טבו אהליך", אז געפינענדיק זיך אין א אהל, א דירת עראי, אויף וואקיישען, און דאן "ראה שאין פתחיהן מכוונות", איז א סימן אז מ'איז ראוי לברכת ה', ביז צו דער ברכה פון וישראל עושה חיל.

און זאל זיין - ווי דער רבי זאל געזונט זיין האט מסיים געווען דעם שבת'דיקען פארברייינגען -

א געזונטער זומער און פריילכער זומער און א הצלחה'דיקער זומער מתוך שלום ושלוה השקט ובטח, און עלטערן זאלען מגדל זיין זייערע קינדער לתורה ולחופה ולמעש"ט מתוך נחת והרחבה.

# בס״ד. משיחות י״ב תמוז, וש״פ בלק, י״ד תמוז ה׳תש״ל*

אין די פארברייינגענס פון דער חג הגאולה י״ב – י״ג תמוז, דער באפרייאונגס טאג פון פריערדיקן ליובאוויטשער רבי׳ן נ״ע (ווי שוין דערציילט וועגן דעם מיט מערער איינצעלהייטען אין אונזער פריערדיקן בראדקעסט) און שבת פרשת בלק וואס איז געווען בהמשך צו דעם פארברייינגען פון י״ב תמוז האט דער רבי דער ליובאוויטשער רבי זאל געזונט זיין מבאר געווען באריכות אין א טיפען ביאור דעם פסוק מה טבו אהליך יעקב משכנותיך ישראל (במדבר כד, ה).

דער פסוק איז דאך איינע פון די פסוקים פון נבואת בלעם ווי עס איז איינגעשטעלט געווארען זאגט מען דעם פסוק בהתחלת התפלה[1] [2], אדער ווי אנדערע פירען זיך (אויך[3]) אריינגייענדיק אין שוהל. הגם מיר געפינען אז דער רש״ל האט נישט געוואלט זאגען דעם פסוק[4], טאקע דערפאר וואס בלעם האט דאס געזאגט, געפינט מען אבער שוין אין סידור רב עמרם גאון[5] אין אין סידור האריז״ל און אין סידור הבעש״ט, אז מ׳זאל דאס יא זאגען בהתחלת התפלה יעדען אינדעפרי.

און[6] עס איז רעכט אויב דער מהרש״ל וואלט געוואוסט אז עס שטייט אזוי אין סידור רב עמרם גאון (וואס ער הייסט זאגען דעם פסוק פאר׳ן אריינגיין אין שוהל) וואלט ער זיכער אזוי אויך געפירט, קאנטיג אבער אז ער האט דעם סידור נישט געזען. ווי מ׳געפינט אזוי בא כמה וכמה ענינים אז

*) רשימה משיחה זו היתה למראי עיני כ״ק אדמו״ר שליט״א, ותיקן והוסיף כמה פרטים. – המו״ל.

1) סידור רבינו הזקן. וכ״ה במחזור ויטרי, ובספר מהרי״ל, ועוד.

2) אויף דעם פסוק איז רש״י מבאר ״שראה פתחיהן שאינן מכוונין זה מול זה״, וואס דאס באווייזט דעם ענין פון צניעות, און אט דא זעט מען אז בשעת עס הויבט אן דער טאג, און מ׳דארף שטעלן דאווענען לפני מלך מלכי המלכים הקב״ה, איז לכל לראש דערמאנט א איד ״מה טובו״, דער ענין פון צניעות...

... און מ׳זאגט דאס איז נאך פאר לימוד התורה. און אין תפילה גופא זאגט מען דאס בתחילת התפילה, נאך פאר הודו לה׳ קראו בשמו, ביז אין ״מה טובו״ גופא איז דאס דער ערשטער פסוק און די התחלה (מהנחה בלתי מוגה – י״ב תמוז).

וויבאלד אז דאס איז א מנהג וואס איז נתקבל בכל תפוצות ישראל, איז דאך פארשטאנדיק אז דאס איז אן ענין עיקרי (מהנחה בלתי מוגה – ש״פ בלק).

3) משמעות מחזור ויטרי (תפילת המנחה).

4) שו״ת מהרש״ל סי׳ ס״ד (הובא בעט״ז או״ח סי׳ א׳ סק״ה, באליה רבה סי׳ מ״ו סק״י ובסידור יעב״ץ). וכך משמע מאבודרהם (סדר התפילות שער השמיני).

5) וואס איז דעם ערשטן סידור. און דארט שטייט אז מ׳זאל זאגן דעם פסוק ניט נאר בתחילת התפילה, נאר אויך יעדער מאל וואס מ׳קומט אריין אין ביהמ״ד, אפילו אז דאס איז כמה פעמים בכל יום (מהנחה בלתי מוגה – ש״פ בלק).

וראה ב״שער הכולל״ בו נתבאר מדוע לא נהגינן לאמרו בכל פעם שנכנסים לביהמ״ד.

6) כ״ק אדמו״ר שליט״א העביר קולמוס על קטע זה לסמן למוחקו, וכתב בצדו זה נאמר באם (לברר מקודם) שלא ראה הסי׳.

**צוליב דעם וואס מ'געפינט ראשונים וואס פריער האט מען זיי נישט געהאט טוט דאס אויף א ענדערונג אין דינים**[7].

פון די ראיות אויף יא זאגן ברייגגט מען וואס **די גמרא זאגט**[8] **אז די חכמים האבען געוואלט קובע זיין מ'זאל זאגען אלע טאג צוזאמען מיט קריאת שמע אויף פרשת בלק** ובלעם, **נאר צוליב** טורח הציבור **האט מען עס נישט געטאן. ווען נישט אבער די סיבה איז דאס ראוי זאגען צוויי מאל א טאג פונקט ווי שמע ישראל, ווארן]ו[ם די פסוקים זיינען מבאר שבחן של ישראל**[9], א.ז.וו. ווי מבואר אין גמרא דארט (ברכות . . [10]) אויך האט מען אריינגעשטעלט פסוקי נבואת בלעם אין מוסף דר"ה לא הביט און ביעקב וגו'[11]. און נאך ראיות.

**דער רבי זאל געזונט זיין האט אין דעם שבת'דיקען פארברייננגען מבאר געווען אויף זיין אייגענארטיגען אופן דעם פירוש רש"י אויף דעם פסוק.**

**רש"י שטעלט זיך אויף די ווערטער "מה טבו אהליך" און איז מפרש "על שראה פתחיהן שאינן מכוונין זה מול זה", ווײלע בלעם האט געזען ווי די אידישע הייזער זיינען געבויט אז די טיהרען זיינען נישט איינע אנקעגען די אנדערע, מ'זאל נישט קענען אריינקוקען איינער צום צווייטען. וואס דאס ווייזט אויף די צניעות און באשיידענקייט וואס האט געהערשט בא אידען, וואס דערפאר איז זיי בלעם משבח** און זאגט[12] אז זיי זיינ]ע[ן ראויים לברכה: כנחלים נטיו גו'[13].

**נאך דעם איז רש"י מפרש "משכנתיך – חניותיך כתרגומו". אז "משכנתיך" מיינט דאס דעם אופן ווי די אידען האבען גערוט, ווי דער תרגום טייטשט**[14].

**דער פירוש אין רש"י קומט בהמשך צו דעם וואס רש"י טייטשט אפ פריער (כד, ב) אז בלעם האט געזען ווי יעדער שבט רוהט פאר זיך, און זיינען נישט אויסגעמישט, אויך ער האט געזען ווי די אידישע הייזער זיינען געבויט מ'זאל נישט קענען אריינקוקען איינער צום צווייטען, האט דאס**

7) **הלכות מכירת חמץ לרבינו הזקן בתחילתו.**

8) **ברכות יב, ב. ובירושלמי ברכות פ"א, ה"ה. ולהעיר מהשינויים בין דברי הבבלי והירושלמי: בבלי – "בקשו לקבוע פרשת** בלק בקריאת שמע". **ירושלמי – "בדין היה שיהו קורין פרשת** בלק ובלעם בכל יום". **ואכ"מ.** - המו"ל.

9) **פון דערפון איז א הוכחה אז דאס איז א ענין נצחי, ביז אין א אופן אז כאילו גער ענין האט זיך איצטער אפגעטאן, ווייל דאס איז א ענין שבכתב, און ווי דער ראגאטשאווער זאגט (און דאס איז שוין איצטער אפגעדרוקט) בכלל בנוגע א ענין שבכתב (ווארום כתב איז א דבר קיים), ובפרט אז ס'רעדט זיך דא וועגען א ענין וואס שטייט אין תורה שבכתב, און אין דעם איז פאראן ביידע ענינים: תורה** בכלל **איז א דבר נצחי, און אין תורה גופא איז דאס ניט בע"פ נאר** בכתב **(מהנחה בלתי מוגה – י"ב תמוז).**

10) **במס' ברכות שם לא נמצא ענין זה, וכנראה הכוונה לר"ה לב, ב.**

11) **פרשתינו כג, כא.**

12) **פרשתינו כג, כג.**

13) **פרשתינו כד, ו.**

14) **לכאו' האט דאך "משכנתיך" ניט קיין שייכות מיט "חניותיך". וואו ליגט אין דעם ווארט "משכנתיך" דער ענין פון "חניותיך"? דערפאר רש"י זאגט "כתרגומו", ער ברייננגט א ראי' פון תרגום אז דער פירוש פון "משכנתיך" איז "חניותיך" (מהנחה בלתי מוגה – ש"פ בלק).**

**איהם באווירקט ער זאל זאגען "מה טבו אהליך יעקב משכנותיך ישראל וגו'"[15].**

**נאך דעם בריינגט רש"י נאך א פירוש[16], "דבר אחר מה טבו אהליך, מה טבו אהל שילה ובית עולמים בישובן שמקריבין בהם קרבנות לכפר עליכם", אז "מה טבו אהליך" באציט זיך דאס אויף דעם משכן שילה און דער בית המקדש וואס דארט האט מען מקריב געווען קרבנות וועלכע האבען מכפר געווען אויף די עבירות פון אידען.**

**"משכנתיך — אף כשהן חרבין, לפי שהם משכון עליכם וחרבנן כפרה על הנפשות שנאמר כלה ה' את חמתו ובמה כלה ויצת אש בציון". "משכנתיך" — מיינט אז אויך בשעת** די בתי **המקדש זיינען חרוב געווארען, איז זייער חורבן א כפרה אויף די לעבענס פון אידען, ווארום דער אויבעשטער האט דאס צוגענומען בא אידען אלס א משכון, און רש"י בריינגט אויף דעם א ראי' פון** דעם **פסוק "כלה ה' את חמתו"[17], אז דער אויבערשטער האט אויסגעלאזט זיין צארען, צו וועמען** און דורכוואס? **דערמיט וואס ויצת אש בציון, ער האט אנגעצונדען א פייער אין ציון (און חרוב געמאכט דעם ביהמ"ק).**

**אין דעם פירוש רש"י זיינען פאראן עטליכע זאכען[18] וועלכע זיינען נישט פארשטאנדיק.**

**ערשטענס דארף מען פארשטיין פארוואס דארף רש"י בריינגען צוויי פירושים, ענינו של רש"י איז דאך** - ווי רש"י זאגט עס מערערע מאל אין זיין פירוש עה"ת[19] - **אויסטייטשען דעם פסוק לויט** __**פשוטו**__ **של מקרא און נישט בריינגען דרשות רז"ל און דעסגלייכען, (סיידען ווען עס איז נוגע צום** __**פשט**__ **הכתוב) מוז מען זאגען אז צוליב א שוועריקייט וואס עס איז פאראן אין דעם ערשטען פירוש — מוז רש"י אנקומען אויך צום צווייטען פירוש. רש"י קען אבער נישט לערנען נאר לויט דעם צווייטען פירוש ווארום אין איהם איז אויך פאראן שוועריקייטען** (און נאכמער ווי לויטן ערשטן פירוש - אע"פ וואס די קושיות לויטן פי' הא' נעמט ער אראפ), **דעריבער מוז רש"י בריינגען צוויי פירושים, פון וועלכע דער ערשטער פירוש** איז **דער עיקר[20].**

---

**15) דער לשון "**מה **טובו" איז אן ענין פון התפעלות, און וואס האט בלעם געזען ביז וואנעט אז ער איז געווען בהתפעלות? איז רש"י מבאר, אז ער האט געזען ווי "פתחיהן שאינן מכוונין זה מול זה" (מהנחה בלתי מוגה — ש"פ בלק).**

**16) די אלע פירושים זיינען ניט קיין באזונדערע פירושים וועלכע האבן צווישן זיך קיין שייכות ניט, נאר אלע פירושים זיינען דאך פארבונדען, ובמכש"כ מעניני העולם. מה דאך אין עניני העולם זאגט מען אז יעדער זאך איז בהשגחה פרטית, און ווען צוויי ענינים זיינען בסמיכות איינער צום צווייטען איז פארשטאנדיק אז זיי האבן צווישן זיך א שייכות, מכש"כ בעניני תורה, אז ענינים וועלכע זיינען בסמיכות האבן צווישן זיך א שייכות, ובפרט אז זיי זיינען ביידע אין איין פסוק, איז דאך זיכער אז זיי האבן צווישן זיך א שייכות (מהנחה בלתי מוגה — ש"פ בלק).**

**17) איכה ד, יא.**

**18) "אן א שיעור קשיות" (מהנחה בלתי מוגה — ש"פ בלק).**

**19) ראה פרש"י בראשית ג, ח "ואני לא באתי אלא לפשוטו של מקרא". ובעוד מקומות.**

**20) וויבאלד אז דער ערשטע פירוש איז מער קרוב אל הפשט ווי דעם פירוש שני, בריינגט דאס רש"י אלץ פירוש ראשון, פאר דער פירוש שני, וואס איז ניט אזוי קרוב אל הפשט, וכמדובר כמ"פ בכללי רש"י (מהנחה בלתי מוגה — ש"פ בלק).**

וואס זיינען די שוועריקייטן אין דעם ערשטן פירוש, און ווי אזוי ווערט עס פארענפערט מיט דעם צווייטן פירוש, און פארוואס מוז אבער דער ערשטער טייטש בלייבן דער פירוש עיקרי?

אויך אין דעם צווייטן פירוש פון רש"י איז נישט פארשטאנדיק: אז[21] מה טבו אהליך גייט דאס אויף משכן שילה און בית עולמים, פארוואס דערמאנט נישט רש"י אויך דעם משכן וואס איז געווען דאן בשעת מעשה בא די אידען אין מדבר?[22]

בשעת רש"י וויל זאגען די מעלה פון משכן שילה און בית המקדש זאגט רש"י אז מ'האט דארט מקריב געווען קרבנות וועלעכע האבן מכפר געווען אויף די עבירות פון אידען. אייגנטליך איז דאך נישט דאס געווען דער עיקר ענין פון משכן און בית המקדש, דער עיקר ענין זייערער איז דאך געווען ווי עס שטייט בפירוש אין פסוק "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם"[23], אז דארט זאל רוען ג-טליכקייט[24], און דא זאגט רש"י אז די מעלה פון משכן שילה און בית עולמים איז "שמקריבין בהם קרבנות לכפר עליכם"?

דאס וואס רש"י טייטשט לויט דעם פירוש "משכנותיך" אז דער אויבערשטער האט צוגענומען דעם ביהמ"ק בא אידען אלס משכן פאר די עבירות פון אידען, זאגט דאס רש"י אויך אין פרשת פקודי (לח, כא). דארט ברייגנט אבער רש"י נישט קיין ראי' פון א פסוק אויף דעם אזוי ווי רש"י טוט דא אין פרשת בלק.

ולכאורה אויב אז מ'דארף אנקומען צו א ראי' פון א פסוק אַז מִשכן – מיינט מַשכון און בכדי בעסער צו פארשטיין דעם פירוש – וואלט דאס רש"י געדארפט טאן דעם ערשטן מאל וואס ער ברייגנט דעם פירוש, און נישט ווארטען ביז ער איז דאס מפרש א צווייטן מאל, און דא זעט מען אז רש"י טוט פארקערט, דעם ערשטען מאל (אין פרשת פקודי) ברייגנט ער נישט קיין ראיות, נאר דוקא דעם צווייטען מאל מוז רש"י אנקומען צו א ראי' פון א פסוק?

אין רש"י איז דאך יעדער ווארט מדויק, דארף מען פארשטיין פארוואס בשעת רש"י טייטשט אפ "מה טבו" אז דאס גייט אויף

21) כ"ק אדמו"ר שליט"א העביר קולמוס מכאן עד סוף קטע זה לסמן למוחקו, וכתב בצדו ענין זה לא נסתיים. ראה בלקו"ש חי"ג ע' 78 בו הובא קושיא זו, ובע' 81 הובא התירוץ ע"ז.

22) דער משכן איז געווען במדבר, און בלעם האט דאס זיכער געזען, אפי' נניח אז אין "אהליך" גייט אריין אויך אהל שילה ובית עולמים, רש"י האט געדארפט דערמאנען דער משכן וואס בלעם האט זיכער געזען. ובפרט אז רש"י וויל ארויסברייגען דא דעם ענין הכפרה פון דער משכן – "לכפר עליהם" (כדלקמן), וואס דאס איז גאר דער עצם מציאות המשכן, צו מכפר אפילו אן דעם ענין הקרבנות (און אפילו אויף אזא חטא ווי חטא העגל). איז אויב רש"י וויל זאגן דער מעלה פון כפרה האט ער זיכער געדארפט דערמאנען דער משכן במדבר! (מהנחה בלתי מוגה – ש"פ בלק).

23) תרומה כה, ח.

24) פון רש"י איז משמע אז אויב מ'וועט זאגן דעם בן חמש למקרא אז דער מעלה וואס בלעם האט געזען איז די מעלה פון "ושכנתי בתוכם" (וואס ער האט שוין געלערנט פריער [בפ' תרומה]), וועט ער ניט פארשטיין פארוואס בלעם האט געזאגט "מה טבו אהליך". ווען איז דאס יא פארשטאנדיק נאר בשעת מ'זאגט אז ער האט געזען דער מעלה שמקריבין בהן קרבנות לכפר עליהם! לכאו' איז דער מעלה פון "ושכנתי בתוכם" נאך א גרעסערע מעלה פון דער מעלה "שמקריבין בהן קרבנות"! (מהנחה בלתי מוגה – ש"פ בלק).

**משכן שילה און בית עולמים זאגט ער "שמקריבין בהם קרבנות לכפר עליכם", בשעת אבער רש"י איז מפרש "משכנתיך" אז דאס גייט אויף דעם ביהמ"ק לאחר חורבנו זאגט ער "וחרבנן כפרה על הנפשות", וואס איז דא רש"י אויסען מיט דעם צולייגען אז די כפרה איז "על הנפשות"?**[25]

* * *

**ענינו של רש"י איז דאך צום אלעם ערשטען מפרש זיין דעם פסוק לויט פשוטו של מקרא**[26]**, עס זאל זיין פארשטאנדיק** אפילו[27] **צו א בן חמש למקרא**[28]**, נאך דעם וואס מ'איז מבאר די רש"י לויט פשוטו של מקרא, קען מען געפינען ווי אין רש"י זיינען פאראן א פולע דיוקים**[29] **אין הלכה און אגדה און אויך יינה של תורה — פנימיות** וסודות **התורה**[30]**.** ובלשון פון של"ה הקדוש ["]ענינים מופלאים"[31].

**ווי אויבען דערמאנט קומט דער פסוק פון מה טבו אהליך יעקב בהמשך צו וירא את ישראל שכן לשבטיו**[32]**, און ווי רש"י איז דארט מפרש אז ער האט געזען צוויי מעלות בא אידען**[33]**, ערשטענס אז בשעת זיי רוען רוהט יעדער שבט באזונדער, און אויך ווי די הייזער זיינען געבויט אז מ'קען נישט אריינקוקען איינער צום צווייטען**[34]**.**

**דער מקור אויף דיביידע ענינים נעמט רש"י דערפון וואס דער פסוק זאגו "לשבטיו", ד.ה. אז ערשטענס האט ער געזען** אַז די חני' איז געווען לויט די שבטים, **יעדער** שבט **געפינט** זיך באזונדער, **דערפון אבער וואס עס שטייט "לשבטיו" (און נישט לשבטים** – סתם שבטים – **און דאס גלייכען) לערנט רש"י אויך אפ** אז דאס איז געווען לויט זיינע שבטים (ע"ד פרש"י ח"ש כד, יו"ד[35]) **דעם אופן ווי די הייזער זיינען**

---

25) **אזוי אויך פריער אין פ' פקודי (וואו רש"י האט געזאגט אז דער חורבן איז א משכון), זאגט ער ניט "על הנפשות", נאר ער זאגט "על עוונותיהן של ישראל", איז פארוואס זאגט ער דא לכפר על** הנפשות**? אויך, אין דעם פסוק "כלה ה' את חמתו" ליגט דאך ניט לכאו' אז דאס איז א כפרה אויף** נפשות **דוקא? (מהנחה בלתי מוגה — ש"פ בלק).**

26) **און פרש"י איז דאך די התחלה ויסוד כל הפירושים, וואס פון וואנעט ווייס מען פשוטו של מקרא — פון פרש"י עה"ת! (מהנחה בלתי מוגה — י"ב תמוז).**

27) **ראה "כללי רש"י" (קה"ת תנש"א).**

28) **פרקי אבות ספ"ה.**

29) **און די אלע דיוקים דארפן זיין מוכרח ע"פ פשטות הכתובים** דוקא **(מהנחה בלתי מוגה — ש"פ בלק).**

30) **סה"ש תרצ"ז סוף ע' 197 (נעתק ב"היום יום" כט שבט).**

31) **במס' שבועות שלו (קפא, א).**

32) **במדבר כד, ב.**

33) **פון וואנעט נעמט רש"י צו זאגן אז בלעם האט געזען די צוויי זאכן? אין פסוק שטייט דאך נאר "וירא את ישראל" — איין ענין. און וויבאלד אז עס איז קיין הכרח ניט אז בלעם האט געזען צוויי זאכן שטעלט זיך די קשיא אויף פרש"י פון "מה טבו אהליך . . משכנתיך" (אז בלעם האט גערעדט וועגן די צוויי זאכן וואס ער האט געזען), אפשר בלעם האט נאר געזען איין ענין ובמילא קען מען ניט זאגן אז "וירא את ישראל" גייט אויף די צוויי ענינים פון "אהליך" און "משכנתיך"? (מהנחה בלתי מוגה — ש"פ בלק).**

34) **און עס איז ניכר אז דאס זיינען** אידישע **שבטים, אז זיי זיינען אויסגעטיילט פון אלע שבעים אומות וויבאלד אז אין פתחיהם מכוונים (מהנחה בלתי מוגה — ש"פ בלק).**

35) **כנראה הכוונה לד"ה 'מגמלי אדוניו', שרש"י מבאר "נכרין היו משאר גמלים", והוא מסתמא מדיוק הלשון אדוני**ו**. ועד"ז כאן, שהוא מדיוק הלשון לשבטי**ו**.** – המו"ל.

**געווען געבויט, אין אזא אופן וואס ווייזט אויף די אידישע צניעות.**

**וואלט דאך לויט דעם געדארפט אויסקומען אז פריער זאל ער לויבן דעם אופן ווי די אידען רוען** בכלל **(יעדער שבט פאר זיך) וואס דאס** קומט פריער און דאס **זעט מען גלייך,** און אויך פון דערוייטענס, **און דערנאך ווי אזוי די הייזער זיינען געווען געבויט, לפועל זאגט בלעם פריער "מה טבו אהליך" – "על שראה פתחיהן שאינן מכוונין זה מול זה" און דערנאך "ומשכנתיך" וואס דאס מיינט די חני', דעם אופן** כללי **– ווי אזוי די אידען האבען גערוט.**

**מצד די שאלה מוז רש"י אנקומען צו נאך א פירוש אז דאס גייט אויף דעם משכן שילה און בית עולמים בבנינם** (און אויך נאכדעם –) **ובחורבנם**[36]**.**

**פריער איז רש"י מפרש (כג, כח**[37]**) אז בלעם האט געזאגט אז ער וועט דערמאנען די עבירות פון אידען במילא וועט ער קענען זאגען אויף די אידען וואס ער וויל, דער אויבערשטער האט דאס אבער נישט געוואלט, דעריבער האט** בלעם **געזאגט "מה טבו אהליך יעקב" אז דער אויבערשטער האט געהייסען אידען בויען דעם משכן שילה און דערנאך דעם בית המקדש אז דארט זאל מען מקריב זיין קרבנות וועלכע זאלען מכפר זיין אויף די עבירות פון אידען**[38]**. ממילא האט קיין ארט נישט אז בלעם זאל דערמאנען די עבירות פון אידען, ווייל דורך מקריב זיין קרבנות אין ביהמ"ק איז דאך דער אויבערשטער מוחל אויף די עבירות.**

**דאס איז אבער נאר בנוגע די עבירות אויף וועלכע א קרבן איז מכפר, און אפילו א אשם וואס איז מכפר אויף א מזיד איז דאך דאס אבער נאר אזא מזיד וואס אויף איהם איז נישט פאראן קיין עונש מיתה,** האט דאך בלעם געקאנט מזכיר זיין **די עבירות וואס אויף זיי איז פאראן א עונש פון מיתה,** ווי געבראכט בכו"כ מדברי הנביאים וחז"ל וכו'?!

**דעריבער טייטשט רש"י "משכנותיך" אז דאס מיינט ווי דער אויבערשטער האט חרוב געמאכט דעם ביהמ"ק און איהם גענומען אלץ משכון, און דאס איז מכפר "על הנפשות", ד.ה. אויף די עבירות וועלכע זיינען מחייב מיתה, אבער דורך דעם חורבן ביהמ"ק ווערן אויף די עבירות נתכפר.**

**אין פסוק שטייט דאך אבער** ונכרתו הנפשות (אחרי יח, כ), **ונתתי** את **פני** בנפש **ההוא והכרתי אותו** (קדושים כ, ו)**, אז ער וועט יא האבען א עונש מיתה, דעריבער בריינגט רש"י** (דא, משא"כ בפ' פקודי) **א ראי' פון א פסוק אז כלה ה' חמתו – ובמה כלה – ויצת אש בציון, וואס דאס איז חורבן ביהמ"ק.**

---

**36) דערפאר שטייט פריער "אהליך" און דערנאך "משכנתיך", ווארום פריער קומט בישובן און דערנאך קומט שהן חרבין (מהנחה בלתי מוגה – ש"פ בלק).**

**37) כנראה הכוונה לפרש"י בפרשתינו כד, א. וכך צוין בלקו"ש חי"ג הע' 21.**

**38) ווי רש"י זאגט פריער אין פרשת תשא (לג, יא), אז נאך דער אויבערשטער האט געזאגט "סלחתי כדבריך" אויפן חטא העגל האט ער געהייסן בויען דעם משכן אלץ א סימן אז דער אויבערשטער האט מוחל געווען די אידן (מהנחה בלתי מוגה – ש"פ בלק).**

דער פירוש קען אבער נישט קומען אלס דער ערשטער פירוש פון רש"י ווארום לויט פשוטו של מקרא – וואס דאס איז דאך עיקר ענינו פון רש"י – קומט מה טובו גו' אַלס אַ תוצאה וואס בלעם האט געזען אידן שוכן לשבטיו, און דא רעדט זיך נישט וועגן דעם ביהמ"ק וחורבנו, נאר מצד דערויף וואס עס איז פאראן א שוועריקייט אין דעם ערשטען פירוש פון רש"י[39], ברייגנגט רש"י אויך א צווייטען טייטש, דער עיקר פירוש בלייבט אבער דער ערשטער.

לא נת' בההתועדות התי' למה רש"י נקט משכן שילה, ולא המשכן שהי' בעת ההוא במדבר[40] (ועוד כמה ענינים[41]).

[חסר[42]] פארקערט ווי די פאדערונג פון תורה, מאנט בא איהם אז ער זאל גיין אנגעטאן לויט ווי עס פאסט פאר א חתן, ווארום אידען ווערן אנגערופען חתן צו תורה וועלעכע ווערט אנגערופען כלה, ווי ערקלערט אין מדרשי רז"ל[43],

און תורה מאנט נאך אז די צניעות זאן זיין אין אזא אופן אז אפילו א גוי (בלעם) נאך איידער ער גייט אריין אינעווייניג פון די אידישע הויז, נאר קוקענדיק פון דרויסען זאל זיין קאנטיג אז די הויז פירט זיך לויט דעם אויבערשטענס פארלאנג, און דערפאר איז מען א כלי אויף דעם אויבערשטענס ברכות, פונקט ווי עס איז געווען בא בלעם, אז שטייענדיק פון דערווייטענס האט ער געזען לויט ווי די אידישע הייזער זיינען געווען געבויט אז אידען פירען זיך ע"פ צניעות, אן דערפאר זיינען דיי ווערט די ברכה פון אויבערשטען,

---

39) לכאו' איז ניטא קיין שייכות איין זאך צום צווייטען! צוליב דערויף וואס ער האט געזען ווי "שוכן לשבטיו" זאל ער געבען א ברכה וועגען "אהל שילה" און "בית עולמים"? דאס איז נוגע צו כלל ישראל און ניט צו ענין השבטים! (מהנחה בלתי מוגה – ש"פ בלק).

40) ראה לעיל הע' 20.

41) ראה באריכות בהנחה הבלתי מוגהת (ש"פ בלק) עוד כו"כ שאלות בפרש"י. רובם הובאו ונתבארו בלקו"ש שם.

42) לע"ע אין תח"י עמוד ה' מדפי ההגהות על שיחה זו, והבא לקמן הוא השלמת החסר ע"פ שיחת י"ב תמוז – הנחה בלתי מוגה:

אט דא קערט מען זיך אום צו דאס וואס מען האט שוין גערעדט כמ"פ בענין הצניעות, אז דאס איז ניט א ענין וואס איז שייכות אין דערויף צו זאגן אז וויבאלד אז נשתנו העתים און ס'איז געווארען אן אנדער 'מאדע', איז אט דעמאלט –וויבאלד אז אלע זיינען אנגעטאן ווי אבלים ר"ל, דער ענין פון היפך החיים (ווייל זיי האבן זיך אפגעריסן פון תורת חיים ומצוותי' עליהם נאמר "וחי בהם" [קרח יח, ה])– מ'דארף זיין אנגעטאן ווי אבלים ר"ל, מיט קורצע קליידער, מיט בגדים שאינם צנועים, היפך פון בגדי תורה. ווייל ווי אזוי וועט ער ארויסגיין כחתן בין אבלים? לכאו' איז דאס היפך הוראת התורה [שבת קיד, א]!

אויף דערויף זאגט מען, "זאת התורה לא תהא מוחלפת!" [עיקר ט' מי"ג עיקרים להרמב"ם] שינויים איז שייכות צו זאגען נאר דארט וואו תורה זאגט אז אין דעם ענין קען זיין שינויים, אבער דא רעדט מען בנוגע דער ענין פון "מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל" (מיט דער שכר הבא עי"ז), וואס דאס איז –ווי רש"י טייטשט אפ די ברכות וואס מ'האט דערנאך אויסגערעכנט בפרשה זו– געווארען דורך דערויף וואס א גוי האט דערזען אז "ראויים הם" [בלק כג, כג] אז זיי זאלן האבן אט די ברכה דערפאר וואס ביי זיי איז אופן חייהם אין א אופן פון צניעות, און דאס איז איינע פון די ענינים וואס תורה זאגט בפירוש אז עס קען ניט זיין קיין שינויים!

און מ'רעדט ניט וועגן באהאלטענער צניעות וועמן קיינער ווייס ניט, אט דעמאלט איז מען צנוע, אבער בשעת מען געפינט זיך בין בני אדם אבלים ר"ל, וויל ער אויך אנטאן בגדים וואס זיי זיינען היפך החיים – [המשך בפנים השיחה. – המו"ל].

43) שמות רבה מא, ו. שם לג, ח. ספרי דברים אות שמה.

און **יעדער איד קריגט דעם כח דאס אויסצופירען פון דער __התחלה__ פון אלע ד' חלקי שו"ע** – וואס קומט אויך אַלס אַ הקדמה צום מקיים זיין די אלע ד"ח השו"ע.

**די התחלה פון ד' חלקי שו"ע איז** "ולא יתבייש **מפני** בנ"א **המלעיגים**"[44], **אז א איד זאל זיך נישט שעמען און** ניט **נתפעל ווערן פון די וועלעכע לאכען פון איהם אפ.**

**אין דעםווארט "מלעיגים" איז פאראן נאך א טייטש פארקרומט, מלשון שפת עלגים, ד.ה. אז א איד זאל נישט נתפעל ווערן פאר די וועלעכע פירען זיך אין קרומע וועגען.**

**ווארום די וועלכע פירען זיך נישט ע"פ צניעות, נישט נאר דאס איז פארקערט פון דעם וועג פון תורה, נאר דאס איז פארקערט פון דעם** אלגעמיינעם **דרך הישר, פארקערט פון** אלגעמיינעם **מאראל** און איינפאכן שכל.

**בשעת מ'פירט זיך נישט ע"פ צניעות, אז א חלק פון קערפער וועלכער דארף זיין פארדעקט איז אופגעדעקט** איז דאס כדי אויפצו**רייצן** דעם **__יצה"ר__** – דאס שלעכטע **פון א צווייטען. עס ווירקט נישט אז יענעמס זאל בעסער ארבעטען**[45]**, נישט אז בא יענעם זאלן זיך** פארבעסערן זיינע מדות, **ענדערען צום גוטען דער דרך ארץ פאר זיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער, אדער אפילו פאר זיין אייגענער פרוי, אדער דאס זאל איהם באווירקען אויף געבען מערער צדקה.**

**די זאך וואס ווערט אופגעטאן בשעת מ'גייט אנגעטאן נישט לויט די פאדערונגען פון צניעות, איז אז טאמער איז ביז איצטער בא דעם צווייטען געווען זיין רע באהאלטען אדער אן א שטורעם און טעמפערעמענט –** רייצט **ער איהם אויף דאס פאנאנדערפלאקערן**[46]**,**

מען ווערט, ר"ל, אַ מזיק, און ניט נאר זיין נפה"א – נאר מען איז מזיק **א צווייטען** און אַ דריטן, די אלע מען טרעפט וכו'. **וואס דאס איז דאך א העכסט פארקרומטער וועג, זאל דער אויבערשטער אפהיטען.**

**וואלט מען געגאנגען אין א גלייכע וועג וואלט מען געוואוסט אז דער צוועק און ציל פון לעבען איז אליין זיין גוט**[47] **און באווירקען דעם צווייטען גייען אין דעם ריכטיגען וועג,** שטארקען דאס גוטע אין עם וכו'.

**בשעת א איד ניצט אויס די כחות וואס דער אויבערשטער גיט איהם און ער ווערט נישט נתפעל פון די וועלעכע גייען אין די קרומע וועג, און פירען זיך פארקערט פון דרך הצניעות, נאר פירט זיך לויט די אנווייזונגען פון שולחן ערוך, דאן איז ער א כלי אויף די ברכות פון אויבערשטען.**

**דער ענין פון צניעות באציט זיך נישט נאר צו פרויען נאר מיט די זעלבע**

44) שו"ע רבינו הזקן מהדו"ת סי' א' ס"א.

45) דאס וועט ניט אפרייצן זיין שכל אז דערפאר וועט ער ווערן א גרעסערער חכם (מהנחה בלתי מוגה – י"ב תמוז).

46) און אט דעמאלט וועט ער האבן א חלק בזה, אין דעם רע פון א צווייטן, אע"פ אז ער האט דערפון גארניט, ווייל דאס איז יענעמס רע, און יענער איז ממלא תאוותו, צי בראי' צי באופן אחר, איז כדאי טאן אלע ענינים אבי אויפצורייצן א צווייטן, ניט אין דעם צד הטוב שבו, נאר אין דעם רע שבו (מהנחה בלתי מוגה – י"ב תמוז).

47) ווי גוט מ'איז, קען מען נאך ווערן נאך בעסער (מהנחה בלתי מוגה – י"ב תמוז).

**וויכטיגקייט אויך צו מאנסבילען, ווי ערקלערט אין שו"ע[48] די איינצעלהייטען פון די דינים סיי בנוגע פרויען און סיי בנוגע מענער.**

**באזונדערס איז** נוגע באווארענען און מזהיר זיין אויף דער **וויכטיגקייט פון צניעות אין די זומער מאנאטען, וואס דאן געפינט מען זיך דאך אויף וואקיישען, אמת טאקע אז פון תורה און מצות האט א איד קיינמאל ניט קיין וואקיישען[49], זיינען אבער פאראן** אזוינע "פארקרומטע" **וועלכע מאכען א טעות און** זאגן אז **וויבאלד אז מ'געפינט זיך אויף וואקיישען זיינען פאראן פארשידענע זאכען וואס אין שטאט וואלט מען עס טאקע נישט געטאן, אין קאנטרי אבער מאכט נישט אויס אז מ'וועט פארבייגען אויף א הידור מצוה און אפילו אויף א פרט פון א מצוה,** ובפרט נאך אין צניעות.

**לערנט אונז תורה ווי אזוי זיך צו פירען אויך אין דעם פרט:** בפשטות (און **דער רבי דער צמח צדק איז** דאס **מבאר** בארוכה[50] בדברי הה"מ בזה)] **אז דער חילוק פון "אוהליך" און "משכ**נותיך" **אז אהל** מיינט און **ווייזט אויף א דירת עראי (א געצעלט וואס דאס איז א צייטווייליגע וואינונג) און משכן מיינט דאס א דירת קבע[51].**

**ווען קען מען דערקענען** בטוב **אז מ'פירט זיך לויט דרכי ד', און מען פארווירקליכט דעם "אל יבוש מפני המלעיגים", ווי פריער געטייטשט, בשעת מ'זעט אז "מה טבו <u>אהליך</u>", אז געפינענדיק זיך אין א אהל, א דירת עראי, אויף וואקיישען, און דאן "ראה שאין פתחיהן מכוונות", איז א סימן אז מ'איז ראוי לברכת ה', ביז צו דער ברכה פון וישראל עושה חיל.**

**און זאל זיין — ווי דער רבי זאל געזונט זיין האט מסיים געווען דעם שבת'דיקען פארברייינגען —**

**א געזונטער זומער און** א **פרייליכער זומער און א הצלחה'דיקער זומער** ו**מתוך שלום ושלוה השקט ובטח, און עלטערן זאלען מגדל זיין זייערע קינדער <u>לתורה</u> ולחופה ולמעש"ט מתוך נחת והרחבה.**

48) ואדרבה, די הלכות צניעות וואס הויבט זיך אן אין תחילת השו"ע [שו"ע רבינו הזקן מהדו"ת ריש סי' ב'] הויבט זיך גאר אין ענינים וואס רובם זיינען בשווה, אדער בעיקר פאר מאנסביל. אט דארט וואו עס רעדט זיך וועגן צניעות פון נשים, קומט עס ערשט שפעטער בנוגע צו הלכות ק"ש ותפילה [שו"ע רבינו הזקן או"ח סי' עג-עה], אדער שפעטער אין חלק אבהע"ז, ניט אין או"ח.

אבער ווי מ'זעט בפועל, מאיזה טעם שיהי' (צי דערפאר וואס די גמרא זאגט [כתובות נט, ב] "אין אשה אלא ליופי" וכו' וכו'), ענין הצניעות איז נוגע בעיקר צו פרויען (און זיי שטעלן אוועק דעם דרך אין ענין הצניעות אז ס'זאל זיין ווי עס דארף צו זיין), און מ'זעט דאס אויך פון סדר הפסוק "מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל", אז דער פסוק דערמאנט יעקב פאר ישראל, ווייל ענין הצניעות הייבט זיך אפ ערשטענס אין יעקב —ווי דער מכילתא [על שמות יט, ג] זאגט "כה תאמר לבית יעקב אלו הנשים"— און ערשט דערנאך ישראל —"ותגיד לבני ישראל — אלו האנשים" (מהנחה בלתי מוגה — י"ב תמוז).

49) ימי החופש זיינען שייך נאר צו לימודי חול, משא"כ אין לימוד התורה איז ניט שייכות אן ענין פון חופש, ואדרבה "שאין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתלמוד תורה" [פרקי אבות פ"ו משנה ב], אז דורך לימוד התורה קומט מען צו דער חופש האמיתי (מהנחה בלתי מוגה — ש"פ בלק).

50) אוה"ת במדבר כרך ג' ע' א'לז.

51) און אע"פ אז מ'האט דאס אראפגענומען כמ"פ, וויבאלד אז "על פי ה' יחנו ועל פי ה' יסעו" [בהעלותך ט, כ] — א ענין על פי ה' איז א ענין של קבע (מהנחה בלתי מוגה — ש"פ בלק).

# ביאור השמות משה ופינחס

בתשרי תש"ו (חותמת הדואר היא 16 ספטמבר 1945, שהוא ערב יוהכ"פ) שלח כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו גלוי' לסב החתן, הרה"ח ר' משה פינחס הכהן כ"ץ ע"ה (שעל שמו קרוי החתן), ובו ביאר בקיצור את ב' שמותיו והקשר לגאולה.



**ב"ה**

**במענה על ברכתו**

**יתברך עם ביתו תי' בגמח"ט לכט"ס.**

**ונזכה כולנו, ב"ב, לראות בביאת גואל אחרון – משה – וקודם לו למבשר הגאולה – פנחס – זה אלי'.**

**מ. שניאורסאהן**



# נישואי הר"מ מענטליק והרמ"פ כ"ץ

נעתק מהספר "**תולדות חב"ד בפולין, ליטא ולטביא**" הנמצא בדפוס, בעריכתו של הספרן הראשי בספריית אגודת חסידי חב"ד הרה"ת הרה"ג ר' **שלום דובער** שי' **לוין**

לערך[1] בשנת תר"פ הגיע לארה"ב החסיד ר' דוד שטאקהאמער, עם זוגתו ושלושת בנותיו, והתיישב בנוארק, שבמדינת ניו דזשערסי.

כשהגיעה לפרקה בתו הבכירה מרת פעשא, שפך נפשו לפני רבינו, אשר כאן בארה"ב אין למצוא בחור חסידי שיתאים לה.



רבינו עודד את המשפיע ה"ר שלמה זלמן הבלין שישתדל למצוא עבורה בחור חסידי המתאים, בין תלמידי תורת אמת בירושלים.

הרש"ז הציע הצעה זו אל התלמיד ה"ר אברהם זושא זיסקינד[2], רבינו יעץ לו לנסוע לארה"ב ולהפגש אתה[3], ועוד באותה שנה הגיע ה"ר אברהם זיסקינד לארה"ב.

אחר שנישאו הוא שימש בתור שו"ב בנ.י. והרבה לעסוק בהלכה וחסידות. באגרות קודש של כ"ק אדמו"ר, יש כמה דיונים אתו בשו"ע אדמו"ר הזקן ובחסידות.

---

1) כמה מהפרטים הבאים לקמן – ע"פ סיפור נכדו ה"ר זאב יחזקאל הכהן שי' כ"ץ.

2) נולד בווארשא בשנת תרס"ו. למד בתומכי תמימים בווארשא בשנים תרפ"ב – תרפ"ו. בחורף תרפ"ו אף לימד תניא לצעירים. אחר כך נסע ללמוד בתורת אמת בירושלים, מקיץ תרפ"ו עד שנת תר"צ.

3) בו' טבת תרפ"ט כתב רבינו אל ה"ר שלמה זלמן הבלין:

במענה על מכתבו מו' כסלו אודות ההצעה עבור התלמיד מר אברהם שי' זיסקינד, נכונה היא, והשי"ת יהי' בעזרו בגו"ר.

באחת מרשימות התלמידים שבארכיון, רשום אחיו ה"ר לייבל זיסקינד, ואצלו נרשם:

אחיו הגדול [ה"ר אברהם זושא] למד מכבר בישיבתינו, ואחר כך נסע לארה"ק, ואחר כך על פי פקודת כ"ק לארה"ב.

בשנותיו האחרונות הי' ראש כולל אברכים שעל ידי מזכירות כ"ק אדמו"ר. נפטר בנ.י. בר"ח ניסן תשכ"ז[4].

*

בשנת תרצ"ו-ח הגיעו שתי הבנות הצעירות לפרקן, וה"ר אברהם זיסקינד השתדל לשדך את גיסתו עם ה"ר משה פנחס הכהן כ"ץ ואף השתדל לסדר עבורו ניירות כניסה לארה"ב.

הגיע לידינו מכתב שכתב ראש הישיבה ה"ר יהודה עבער אל ה"ר אברהם זיסקינד, בכ"ט תמוז תרצ"ו:

> הננו ממהרים לענות לכת"ר ע"ד תלמידנו משה פנחס כץ שי'. אנחנו עדיין משתדלים בכל האפשרי, ועוד יותר מכפי אפשרותינו ... בכלל הלא הוא איש צעיר, וגם המדוברת צעירה, ואם צריכים לחכות חודש או יותר אין בזה כלל.

בחורף תרח"צ הי' בארה"ב השד"ר ה"ר מרדכי חפץ[5]. כשחזר לאירופה בתחילת הקיץ, שלח אתו הר"ד שטאקהאמער את שתי בנותיו. שם השתדכו עם שנים מבחירי התלמידים, מרת גיטל השתדכה עם ה"ר מרדכי מענטליק, ומרת מינדל – עם ה"ר משה פנחס הכהן כ"ץ.


הר"ר משה פנחס הכהן כ"ץ

ה"ר מרדכי מענטליק נולד במינסק בי"ט מ"ח תרע"ג. למד בתומכי תמימים בווארשא משנת תרפ"ה ואילך. כשהיתה תוכנית העברת תלמידי ה"אולם" מווארשא לריגא, בקיץ תרצ"א, נבחר גם הוא לנסוע לריגא. בשנת תרצ"ד התמנה כר"מ במכינה. אחר כך הי' משגיח בבית המדרש באטוואצק.

ה"ר משה פנחס הכהן כ"ץ נולד בקינצק, פולין, בשנת תרע"ג. למד בתומכי תמימים בווארשא בשנים תרפ"ה – תרצ"ג. ר"מ במכינה בווארשא, ועוסק במשרד הישיבה משנת תרצ"ג ואילך.

---

4) באותו בוקר התפלל במנין של הישיבה ב770, באמצע הלל לא הרגיש טוב, עזרתי לו להתיישב. גם הד"ר זעליגסון התפלל באותו מנין, והוא ניגש מיד לטפל בו, אך מיד התחיל לגסוס, וכעבור כמה דקות החזיר את נשמתו בטהרה.

5) ראה תולדות חב"ד בארה"ב פרק ל"ב.

באסרו חג השבועות התקיימה חתונתו של הר"מ מענטליק. השתתפו בחתונה ובסעודת השבע ברכות, גם ראש הישיבה ומזכיריו של רבינו.



**שבע ברכות להרב מרדכי מענטליק – סיון תרח"צ**

לשמאלו יושבים: המזכיר ה"ר יחזקאל פייגין. חבר ההנהלה ה"ר שרגא פייביש זלמנוב. ראש הישיבה ה"ר יהודה עבער. המזכיר ה"ר משה ליב רוטשטיין.

בט"ו סיון התקיימה חתונתו של הרמ"פ כ"ץ, בבנין שבה גר רבינו באטוואצק – רח' פרוסא 6[6], כאמור בהזמנה.



בעזהי' למז"ט

ידידי ורעי!

ליום כלולת אפריוני שתהי' אי"ה ביום ג' בהעלותך ט"ו סיון שנת ,חיש ישעי' לפ"ק באטוואצק.

אתכבד בזה להזמינך לבוא להתעלם אתי באהובים ולשמוח בשמחת נשואין ביום שנכפל בו כי טוב ט"ו ימים לחודש סיון חצר"ת לפ"ק, בעיר אטוואצק רחוב פרוסא 6 בשעה 6 בערב.

ידידך

משה פנחס כ"ץ

הכתבת לתלגרמה:
Kac Otwock, Prusa 6.

---

6) ראה באג"ק כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ ח"ה אגרת א'קלג ובח"ד בנספח לאגרת תתע.

וגם כאן השתתפו בחתונה ובשבע ברכות, גם ראש הישיבה והמזכירים, וחבריו הקרובים של החתן.



**שבע ברכות להרב משה פנחס הכהן כ"ץ – סיון תרח"צ**

יושבים מימין לשמאל: ה"ר שלמה צילך (מנהל המטבח); ה"ר נחמי' ברלין מבריסק; ה"ר מרדכי מענטליק; המזכיר ה"ר יחזקאל פייגין; החתן ה"ר משה פנחס הכהן כ"ץ; ראש הישיבה הרב יהודה עבער; (?); ה"ר שניאור זלמן דובער דובין; מזכיר הישיבה ה"ר יוסף אברהם קאגאן.

התמימים העומדים מימין לשמאל: ה"ר יהושע ברוך כ"ץ (אחיו של החתן); ה"ר מרדכי איינהארן; משה בערלאנד; לייבל קרעמער; אברהם (ב"ר דוד) טייבלום; טובי' סטופניצקי; לייבוש אלטמאן; יוסף צבי קוטלרסקי; יצחק הענדל; יוסף וויינבערג; מאיר הענדל מראדום.

אחרי החתונה הוצרכו להשתדל להשיג אשרות כניסה לשני החתנים, להתיישב בארה"ב.

בי"ח מנ"א כתב רבינו אל ה"ר ישראל דזייקאבסאן, מנהל אגודת חב"ד בארצות הברית (ח"ד אגרת א'נה. תצלומו בזכרון לבני ישראל ע' רמח):

> אודות ידידנו הר"ד[7] שי' שו"ב, נחוץ במאד מצד האהבה פנימית, להשתדל בזה לטובת שניהם, כי באמת ידידנו הר"ד שי' הנ"ל איש יקר הוא בפנימיותו, והוא מקום טוב עבור בן תורה.

בזה הורה לו רבינו להשתדל לעזור לו בהשגת אשרות כניסה לארה"ב עבור שני חתניו, כדי שיתיישבו בסמיכות לו, כי "הוא מקום טוב עבור בן תורה".

7) ה"ר דוד שטוקהומר, חותנם של הר"מ מענטליק ושל הרמ"פ כ"ץ.

בשלהי הקיץ חזרו שתי הנשים לארה"ב, כדי להשתדל להשיג אישורי כניסה לבעליהן.

בתשרי כתבו אל רבינו כי הן מתגעגעות לאוירה החמה היהודית חסידית שראו באטוואצק. והרבי השיב להן (ח"ד אגרת א'עה; בתרגום מאידיש):

אתן כותבות שהנכן מתגעגעות לסביבה העדינה החמה יהודית וחסידית ידידותית ... הגעגועים שלכן צריכה להתבטא בפעילות, לבנות בעזהי"ת סביבה דומה באיזורכן, סביבה חמה יהודית חסידית ידידותית.

השגת אישורי הכניסה לבעליהן נמשכו הרבה יותר מהמתוכנן. על הקשיים בקבלתן יעיד מכתבו של הרמ"פ כ"ץ, אל ה"ר יוסף אברהם קגן, מי"א אדר תרצ"ט:

והשי"ת יעזור לנו מהרה ויוליכנו למחוז חפצינו, ומדמים אנו אפשר נבשר לך בשו"ט. הייתי בשבוע העברה בהקאנסולאט, בצירוף תלמיד הישיבה מאה"ב[8], ואפשר על האזרח שלהם יביטו בעין יפה, והבטיח ליתן תשובה בקרוב, ומחכים אנו עליו בכל יום, והקב"ה ברחמיו המרובים יחוס עלינו, כי אין לשער גודל התוחלת ממושכה לישב ולצפות על הנושא מכתבים, אפשר היום, מחר.

ובשולי אותו מכתב מוסיף ה"ר מרדכי מענטליק:

ואי"ה בשבוע הבע"ל, כשיהי' מענה מהקאנסול, אכתוב לך מכתב.

ה"ר משה פנחס הכהן כ"ץ נסע לארה"ב באייר תרצ"ט. בז' אדר כתב המזכיר ניסן מינדל אל ה"ר יוסף אברהם קגן (ללונדון):

בטח ידוע לכ' כי ידידינו ר' משה פנחס שי' נוסע היום ללונדון בד[ר]כו לאה"ב. תהא דרכו צלחה.

ובכ"ג אייר כתב ה"ר מענטליק אל ה"ר יוסף אברהם קגן:

ראשית אודיעך, שקבלתי תלגרמה ביום ג', שגיסי רמ"פ שי', בא לשלום ביתו, ת"ל בעד זה.

ה"ר מרדכי מענטליק קיבל את הויזה בתחלת אלול תרצ"ט, והגיע לארה"ב בתשרי ת"ש.

8) בנסיעת הרמ"פ כ"ץ לשגרירות, הוא לקח אתו אזרח אמריקאי [כנראה הרש"ז העכט שבפרק הבא], ללוותו.

באדר"ח אלול כתב המזכיר ה"ר משה ליב רוטשטיין, אל ה"ר יוסף אברהם קגן:

> ר"מ מענטליק יקבל הוויזה בפועל מחר אי"ה.

לפני הנסיעה של הר"ר משה פנחס כ"ץ לארה"ב אורגנה בישיבה מסיבת צאתכם לשלום.




יושבים מימין לשמאל: ה"ר שלמה משה אייזענבערג; ה"ר יעקב פלקינפעלד; ה"ר מאיר גלזמאן; ה"ר מרדכי מענטליק; המשפיע ה"ר ברוך פרידמן; ה"ר משה פנחס הכהן כ"ץ; המזכיר ה"ר יחזקאל פייגין; המזכיר ה"ר משה ליב רוטשטיין; ה"ר שלמה זלמן העכט; ה"ר יוסף ראדאל

עומדים מימין לשמאל: ה"ר דובער ליווי; ה"ר אברהם בארנצקי; ה"ר משה בערלאנד; ה"ר אברהם (ב"ר דוד) טייבלום; המזכיר ר' ניסן מינדל; אווישקאווע; ה"ר שלמה זילבערבערג; ה"ר שלמה צילך

אחרי שהסתדר הרמ"פ כ"ץ בנוארק, בח"י סיון תרצ"ט, כתב סקירה על המצב אל המזכיר ה"ר יחזקאל פייגין. בב' תמוז השיב לו המזכיר:

> נהניתי לקרא מכתבך מיום ח"י סיון, רואה הנני כבר באת לידי סדר פנימי בכחות הפנימיים, וגם רואה הנני בך גם זריזות פנימי צו פאסין זיך לידי סדרי החיים החדשים.
>
> אמנם ראוי לעורר אותך על ענין אחד ... ניט פארגעסין אף רגע ועך מי איז, אז מען איז א תמים, מען דארף האבין א קביעות ללמוד חסידות בכל יום ממש.

כשהגיע רבינו לנ.י. ופתח בה את הישיבה תומכי תמימים, התקבל הר"מ מענטליק כר"מ ראשי בישיבה, והרמ"פ כ"ץ התקבל לניהול משרד הישיבה. בזה עסקו כל ימיהם.

בתחלה נשארו שניהם לגור בנוארק, ומשם היו באים כל יום לנ.י. לעבודתם. שם, בנוארק, אף יסדו בשנת תש"ב את הישיבה אחי תמימים[9]. ובשנת תש"ו עברו לגור בנ.י.

הר"מ מענטליק הוא מחבר ספר אמרי מרדכי. חבר הנהלת אגודת חסידי חב"ד. נפטר בנ.י. בכ"ה תשרי תשמ"ח.

הרמ"פ כ"ץ הי' גבאי בביכנ"ס 770. חבר הנהלת אגודת חסידי חב"ד; ועד המסדר; ועד להפצת חסידות; ועד המעמד; ועד קופת בחורים. נפטר בנ.י. בבדר"ח אד"ש תשמ"ו.

9) ראה תולדות חב"ד בארה"ב ע' רלח ואילך.

# מכתב כ״ק אדמו״ר

להלן צילום מכתב כ״ק אדמו״ר נשיא דורנו שנשלח להורי הכלה לרגל נישואיהם ביום יו״ד כסלו ה׳תשד״ם.

להעיר, שכ״ק אדמו״ר שינה בכתי״ק את תואר הנמען מהו״ח להרה״ח.

שוחט- סוויסא- ברוקלין

**RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON**
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn. N. Y. 11213
493-9250

**מנחם מענדל שניאורסאהן**
**ליובאוויטש**

**770 איסטערן פארקוויי**
**ברוקלין, נ. י.**

ב״ה, ט״ז מ״ח תשד״מ
ברוקלין, נ.י.

האברך הרה״ח אי״א נו״נ וכו׳
מוה׳ אברהם לייב שי׳
ובי״ג תי׳

שלום וברכה!

במענה על ההודעה מקביעות זמן חתונתם ליום יו״ד כסלו הבע״ל,

הנני בזה להביע ברכתי ברכת מזל טוב מזל טוב ושתהי׳ בשעה טובה ומוצלחת ויבנו בית בישראל בבנין עדי עד על יסודי התורה והמצוה כפי שהם מוארים במאור שבתורה זוהי תורת החסידות.

בברכת מזל טוב
מזל טוב

מוקדש

# לחיזוק ההתקשרות
# לכ"ק אדמו"ר נשיא דורנו

**ולזכות**

**החתן הרה"ת משה פינחס הכהן**

**והכלה מרת חיה מושקא שיחיו**

# כ"ץ

לרגל נישואיהם בשעה טובה ומוצלחת

ביום שלישי שהוכפל בו כי טוב **י"א אדר א' ה'תשע"א**

נדפס על ידי ולזכות הוריהם

הרה"ת ר' **זאב יחזקאל הכהן** וזוגתו מרת **רישה** שיחיו **כ"ץ**

הרה"ת ר' **אברהם לייב** וזוגתו מרת **חפציבה** שיחיו **שוחאט**